**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט טראנספארמאטיווע 44 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין SUNY POLYTECHNIC INSTITUTE

***צוגעטיילטע געלט וועט פינאנצירן איסברייטערונג פון געזונטהייט וויסנשאפט פליגל, איבערבויאונג פון נוירסינג לאבארעטאריע און אויפבויאונג פון סעמי-קאָנדאָקטער פראצעסירונג לאבארעטאריע און ראבאטיקס און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג לאבארעטאריע***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין SUNY און אין די מאוהאק וואלי***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט די SUNY Polytechnic Institute קאמיוניטי און מיט SUNY טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג דזשוניאר, צו אנאנסירן א 44 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די אוניווערסיטעט צו אויסברייטערן די יעצטיגע געזונטהייט וויסנשאפט פליגל און צו איבערבויען נוירסינג לאבארעטאריעס אין Donovan Hall, און אזוי אויך צו אויפבויען א סעמי-קאָנדאָקטער פראצעסירונג לאבארעטאריע פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און א ראבאטיקס און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארשונג און בילדונג לאבארעטאריע. אויפן וועג צו ווערן די סטעיט'ס און לאנד'ס מערסט פראמינענטע עפנטליכע 'פאליטעקניק' (א מוסד וואו מען לערנט זיך פראקטישע טעכנאלאגישע סקילס) — זעצט די נייע אינוועסטירונג פאר SUNY Poly's אנטוויקלונג צו ווערן א פירער אין STEM און אין די געזונטהייט וויסנשאפטן.

"די אינוועסטירונג איז נאך א מאסיווע טריט צו אויפבויען די בעסטע עפנטליכע בילדונג מוסד אין דאס לאנד און צו באפעסטיגן ניו יארק'ס פירערשאפט ראלע אין די מעניופעקטשורינג אינדוסטריע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די וויכטיגע אינוועסטירונגען, קענען סטודענטן באקומען אן אפאָרדעבעל בילדונג פון א הויכע קוואליטעט ביי SUNY, זיך אנשליסנדיג מיט ניו יארק'ס וואקסנדע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע און זיך אויפבויען א לעכטיגע צוקונפט פאר זיך אליין און פאר ניו יארק סטעיט."

די 44 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין SUNY Poly איז מעגליך דורך די אינפראסטרוקטורישע שטיצע וואס SUNY האט באקומען פון די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט, און עס וועט דינען אלס א קריטישע טריט פאראויס צו וועקשטעלן SUNY Poly אלס די מערסט פראמינענטע 'פאליטעקניק' מוסד אין דאס לאנד. די צוועקן פאר וועלכע די 44 מיליאן דאלאר גייט זענען ווי פאלגנד:

- **געזונטהייט וויסנשאפט פליגל אויסברייטערונג:** דער פראיעקט שטעלט אויף די 'צענטער פאר העלטקעיר ערפינדונג' (Center for Healthcare Innovation) — א צוזאמענארבעטנדע צענטער צו אדרעסירן די שטייגנדע גייסטישע געזונטהייט, פיזישע

געזונטהייט און ענווייראמענטאלע געזונטהייט באדערפענישן. די צענטער וועט ערמעגליכן ביזנעס אנטוויקלונג באמיאונגען אין די געזונטהייט פעלדער; שטופן פאר פארשונג בשותפות צווישן פארשידענע פעלדער, קלינישע איבונגען און פראגראם אנטוויקלונג; בארייכערן לערנען געלעגנהייטן פאר סטודענטן; און עס וועט מאכן ארויסוואקסן קאמיוניטי שותפות'ן און אינציאטיוון.

- **נייע סעמי-קאָנדאָקטער פראצעסירונג לאבארעטאריע:** פירמעס ווי Micron, Global Foundries און Indium Corporation ,Semikron-Danfoss ,Wolfspeed אינוועסטירן, בויען זיך אויף און ברייטערן זיך אויס — פירנדיג צו נייע דזשאבס און דערמיט צו א פארלאנג פאר מער ארבייטער. די אינוועסטירונג און אויפבויאונג פון די 3,000-סקוועיר-פיסיגע סעמי-קאָנדאָקטער פראצעסירונג לאבארעטאריע וועט צושטעלן פאר מער סטודענטן א שטאנדהאפטיגע אוניווערסיטעט בילדונג וואס איז קאנצענטרירט אויף STEM און אויף סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג, פארשונג און אנטוויקלונג.
- **מאדערניזירונגען צו נויריסינג לאבארעטאריעס:** די קריטיש וויכטיגע אויסברייטערונג, וואס וועט אקאמאדירן 12 קלינישע סטאנציעס מיט דאָמיס און היינטיגע סימולאטארן (מאשינען וואס שפילן אויס א כאילו-עכטע סיטואציע), וועט ערלויבן די לערער פון די קאלעדזש פון געזונטהייט וויסנשאפטן זיך צו באנוצן מיט מאדערנע עקוויפּמענט און סימולאציעס. א דאנק דעם וועלן סטודענטן קענען עפעקטיווערהייט אנטוויקלען די פראפעסיאנאלע סקילס וואס זיי דארפן צו ווערן פעהיגע און ווירקזאמע העלט קעיר פראפעסיאנאלן.
- **נייע ראבאטיקס און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארשונג און בילדונג לאבארעטאריע**: די לאבארעטאריע וועט ערמעגליכן סיי בילדונג און סיי פארשונג געלעגנהייטן אין פארשידענע פעלדער, אריינרעכנענדיג פארגעשריטענע ראבאטיקס, סענסארס און קאנטראלן, קלוגע מעניופעקטשורינג, 'אינדוסטריע 4.0' אינציאטיוון, און אזוי אויך וועט עס אויסארבעטן אן אריינגעבויטע קשר מיט SUNY Poly'ס 'AI פאר יעדן' (AI for All) איינריכטונג. די ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וועט ערלויבן די לערער צו אויסברייטערן זייערע אקטיוויטעטן מיט סקאלערשיפּס און געספּאנסארטע פארשונג און קורס עלעמענטן אינערהאלב די לערנען מאטעריאלן, און אזוי אויך וועט דאס ערמעגליכן צו גיבן סערטיפיקאטס און 'מייקראָו-קרעדענטשעלס' מיט קאלעדזש קרעדיט פאר די סטודענטן. עס וועט אויך ערמעגליכן אנגייענדע און פראפעסיאנאלע בילדונג (continuing and professional education, CPE) געלעגנהייטן צו פארבעסערן די סקילס פון די וועלכע ארבעטן שוין יעצט אין די מאוהאק וואלי.

די געלטער זענען ערמעגליכט געווארן דורך די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק "אינפראסטרוקטורישע קאנסטרוקציע געלטער" (Capital Construction Funds), די סטעיט בודזשעט און דורך צוטיילונגען וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך סטעיט אסעמבלי מיטגלידערין מעריען באָטענשאן.

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף גריפאָו האט געזאגט,** "SUNY Polytechnic Institute איז א פירער אין לערנען, פארשונג און ערפינדונג, און עס איז א וויכטיגע טייל פון די מאוהאק וואלי. די אינוועסטירונג אין סטעיט פינאנצירונג וועט פירן צו נייע קאנסטרוקציע מיט די אויסברייטערונג פון עקזיסטירנדע געביידעס און נאך מיטלען און פארמערטע געלעגנהייטן אויפן קאמפוס וועלכע וועלן העלפן פארגרעסערן און בארייכערן די קאלעדזש פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מעריען באָטענשאן האט געזאגט,** "איך בין אזוי דאנקבאר און באעהרט צו האבן געווען א חלק ביים פארזיכערן די היסטארישע געלטער פאר SUNY Poly'ס קאמפוס אין די

מאוהאק וואלי. איך גלויב שטארק אין די מוסד און אין די געוואלדיגע ארבעט וואס זיי פראדוצירן, און איך קען נישט ווארטן צו זעהן וויאזוי די אינוועסטירונגען וועלן זיי בענעפיטירן פאר יארן אין די צוקונפט. איך וויל באדאנקען מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור, צוזאמען מיט גאווערנער האקול, פארן מיך ערלויבן צו שטופן פאר די צוגעטיילטע געלטער און פארן גלויבן אין די באמיאונגען. די אינוועסטירונגען אין SUNY Poly וועלן זיכער מאכן אז עס זעצט פאר צו זיין א פירנדע 'פאליטעקניק' אוניווערסיטעט אין דאס לאנד, און איך קען נישט ווארטן צו זעהן די וואוקס וואס ווערט ערררייכט."

**אניידע קאונטי עקזעקיוטיוו ענטאני דזש. פיסענטע דזשוּניאר האט געזאגט,** "מיר האבן אייביג געוואוסט ווי א וויכטיגע אוצר SUNY Poly איז, נישט נאר פאר אניידע קאונטי נאר פאר דעם גאנצן ראיאן. דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן אזוי שווער געקעמפט צו היטן אויף איר סטאטוס אלס די מערסט פראמינענטע 'פאליטעקניק' מוסד אין די צפון-מזרח און פארוואס מיר האבן פארגעזעצט צו מאכן אינוועסטירונגען אין אלע פעלדער וואס זי שטיצט. אניידע קאונטי איז געווארן א צענטער פאר סעמי-קאָנדאָקטער פראצעסירונג און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, און די אינוועסטירונג דורך ניו יארק סטעיט וועט אונז פיל ארויסהעלפן אריבערצוגיין די ערפאלגרייכע וועג און אזוי אויך פארשטערקערן די צוקונפט פון העלטקעיר."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן קינג האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע פארפליכטונג דורך גאווערנער האקול צו SUNY Poly און צו די מאוהאק וואלי. די פינאנצירונג וועט העלפן אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט פונדאסניי אלס א מעניופעקטשורינג צענטער דורכן אויפבויען א פלוס פון ארבייטער צו דזשאבס, בשעת'ן צוגרייטן SUNY Poly סטודענטן פאר הצלחה אין מעניופעקטשורינג קאריערעס, אריינרעכענענדיג אין די סעמי-קאָנדאָקטער פעלד. עס ברייטערט אויך אויס אונזער קאפאציטעט צו קענען אויסבילדן מער העלטקעיר פראפעסיאנאלן צו קענען נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג, און עס העלפט אוועקשטעלן SUNY Poly אלס די מערסט פראמינענטע 'פאליטעקניק' מוסד אין דאס לאנד. מיינע דאנקען פאר די גאווערנער און פאר אונזערע לעגיסלאטארן פאר זייער ארומנעמיגע שטיצע."

**SUNY Poly פרעזידענט, דר. ווינסאטן סאבאיעהאָו, האט געזאגט,** "SUNY Poly איז געוואלדיג דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג אין אונזער מוסד און אזוי אויך פאר די אנגייענדע שטיצע און שתדלנות פון גאווערנער קעטי האקול, SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוּניאר און אסעמבליפרוי באָטענשאן. שטייענדיג אין א צייט פון געוואלדיגע וואוקס אין די מאוהאק וואלי, וועלן די אינפראסטרוקטורישע שריט וועלכע ווערן ערמעגליכט דורך די אינוועסטירונג אונז ערלויבן צו ווייטער באדינען אונזערע סטודענטן, שאפן נאך וועגן פאר צוזאמענארבעט מיט שותפים אין די אינדוסטריע און קאמיוניטי, אין צוגאב צו פארזעצן צו נאכקומען די באדערפענישן פון די אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט און אינדרויסן צו אנטוויקלען סקילס פאר נייע ארבייטער און פארבעסערן די סקילס פון עקזיסטירנדע ארבייטער."

**קאלעדזש קאונסיל פארזיצערין, ראָוען דעסטיטאָו, האט געזאגט,** "די צוקונפט איז לעכטיג ביי SUNY Poly. די אינוועסטירונג איז נאך א ביישפיל פון די געוואלדיגע שטיצע וואס SUNY Poly האט באקומען פון SUNY, אונזערע ערוויילטע בעאמטע און גאווערנער קעטי האקול. נאך מער דערפון שפיגלט עס אפ די זיכערהייט וואס זיי האבן און אונזער מיטגעטיילטע גלויבונג אין SUNY Poly'ס פאזיציע אלס אן ערפינדנדע אקאדעמישע פירער און עקאנאמישע טרייב קראפט אין דעם ראיאן און אריבער די סטעיט."

די נייע אינוועסטירונג דורך די סטעיט בויט ארויף אויף די העכער-72 מיליאן דאלאר אין רענאוואציעס וואס זענען שוין יעצט אין דעוועלאפמענט אויף SUNY Poly'ס קאמפוס. די פארבעסערונגען רעכענען אריין 45 מיליאן דאלאר אין רענאוואציעס צו די קאממפוס צענטער צו צושטעלן א נייע צענטראלע סוויטע פאר די פריוואטע לעבנס באדערפענישן, רענאווירטע לאקערס פאר ספארטסלער, אפיסעס, באגעגעניש און קלאסצימער פלעצער, אין צוגאב צו פארבעסערטע ADA צוגענגליכקייט און רעדוצירטע קארבאן

עמיסיעס; דאס איבערבויען די Technology and Residential Drive (5 מיליאן דאלאר); און די רענאוואציע פון די Kunsela און Donovan זאלן (22 מיליאן דאלאר) צו ווייטער פארשטערקערן די STEM פראגראמען. די לעצטע וועט אריינרעכענען דאס אויפבויען די Francis A. Wilcox אינדזשענירונג און טעכנאלאגיע פליגל אינערהאלב די Kunsela Hall, אין צוגאב צו א נייע STEM שרייבונג און קאמוניקאציעס צענטער און אן איבערגעבויטע אינטעראקטיווע מידיע און געים דעזיין (Interactive Media and Game Design, IMGD) סטודיא צימער.

**היסטארישע אינוועסטירונגען אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און אין די מאוהאק וואלי**
די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף באדייטנדע אינוועסטירונגען אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און אין די מאוהאק וואלי. פריער דאס יאר האט גאווערנער האקול אנאנסירט א 14 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די אניידע קאונטי 'אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור' ( Industrial Development Agency) דורך דעם 'קאנצענטרירטע צוציהאונג פון ארבעט'ס-גרייטע שטחים - ניו יארק' (Focused Attraction of Shovel-Ready Tracts New York, FAST NY) גרענט פראגראם. די Marcy Nanocenter גיבט אוועק א נישט-אויפגעבויטע שטח וואס האט די נויטיגע פערמיטס און איז גרייט צו אנהויבן געבויט ווערן אינעווייניג אין א קאמפוס וואס איז שוין אוועקגעשטעלט. א שטח איז אוועקגעלייגט געווארן צו אויפבויען א סעמי-קאָנדאָקטער באשטאנדטייל פאבריק — א פעלד וואס האט א הויכע פארלאנג צוליב די אוועקגעשטעלטע Wolfspeed פאבריק און די לעצטנס אנאנסירטע Micron איינריכטונג, און עס וועט באדינען ראיאנישע און אויפן-ארטיגע הייטעק פירמעס. FAST NY פינאנצירונג וועט פארזעצן צו דעוועלאפּען די שטח און שטיצן צוגרייטונג, אויסגראבן און יוטיליטי אינפראסטרוקטור ארבעט.

אין צוגאב, האט די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ( Office of Strategic Workforce Development, OSWD) אינוועסטירט $976,000 אין מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש'ס (Mohawk Valley Community College, MVCC) 'אונטערגעיאגטע טרענירונג פראגראם' וואס איז געמאכט צו העלפן יונגע ערוואקסענע וואס וואלטן אנדערש נישט געקענט ארויסקומען פון ארימקייט צו באקומען אן אונטערגעיאגטע טרענירונג וואס קען זיי אריינשטעלן אין א גוטע קאריערע נאך ווייניגער פון א יאר פון טרענירונג. די OSWD האט אויך אינוועסטירט מער פון $996,000 אין די Callahan Management Training Center און אין די 'מעניופעקטשורערס אסאָסיעישען פון צענטראל ניו יארק', א פראגראם וואס שטעלט צו פרי-אפרענטיסשיפּ טרענירונג און ארומיגע סערוויסעס פאר פרויען וועלכע זוכן צו מאכן קאריערעס אין מעניופעקטשורינג.

פריערט דאס יאר האט גאווערנער האקול אויך אנאנסירט די פארענדיגונג פון די Wynn שפיטאל אין יוטיקע'ס שטאט-צענטער, טיילוויז פינאנצירט דורך א 300 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס העלט קעיר איינריכטונג טראנספארמאציע פראגראם ( Health Care Facility Transformation Program). די פונדאסניי פארענדיגטע, פארצווייפלט נויטיגע, ערשט-קלאסיגע שפיטאל וועט ברענגען יוטיקע און די ארומיגע קאמיוניטיס מער מאדערנע און צוגענגליכע מעדיצינישע קעיר דורכן שטיצן די קעיר פון 90,000 באזוכן יערליך.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov |518.474.8418